ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת צו

אידיש

**525**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# חמשה ועשרים

**צו**

אין דעם פרק ווערן ערקלערט מוסר רייד פאַר דעם עושר, און דער וועג פאַר דעם מענטש וואָס האָט נישט ווער עס זאָל אים פירן אויף דעם גוטן און גלייכן וועג.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געוועזן טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון פינף און צוואָנציגסטער פרק


א. די שאַנד פון דעם רייכן מאַן וואָס איז נישט קלוג אָבער ער האַלט זיך גרויס און ער וויל זיך שטאַרקן אויף דעם קלוגן מענטש ........ ג
ב. די נאַרישקייט פון דעם מענטש וואָס האָט אַלע זיינע באַדערפעניש, און לאָזט זיך אַרויס אין וועג צו פאַרמערן זיין פאַרמעגן און זיך גרויס האַלטן קעגן זיין חבר ........ ו
ג. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון די פינגער פון זיין האַנט, און פון די נקודות אין דער תורה, זיך נישט גרויסצוהאַלטן אויף זיין חבר ........ ו
ד. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם רשע אַליין ווי אַזוי צו פאַרמיאוסין דאָס שלעכטע, ווייל נאָך דעם ווי דער רשע זינדיגט האָט ער חרטה און ער וויל נאָך אַז זיינע קינדער זאָלן זיין צדיקים ........ ז
ה. אַ מענטש זאָל זען די שאַנד פון דעם רשעים מעשים, און די שאַנד פון די מעשים פון די בהמות און פייגל, און ער זאָל טוען דאָס פאַרקערטע ........ ח
ו. אַ וועג פאַר דעם מענטש צו וויסן אויף אַ זאַך וואָס ער טוט אויב עס איז אַ מצוה אָדער נישט ........ י
ז. דער סדר פון גן עדן און זיין פירונג ........ י
ח. דאָס אייביגע לעבן קען אַ מענטש באַקומען נאָר דורך דעם וואָס ער מאַטערט זיך אויף די וועלט, פונקט אַזוי ווי דער שלאָף וואָס איז אַ טייל פון טויט אָבער ער מאַכט לעבן דעם מענטש, און פונקט אַזוי ווי די זאָמען וואָס ווערן איינגעזייט אין דער ערד ........ יג
ט. די מענטשן וואָס זענען זיך מסגף אויף דער וועלט, מאַכן דערגרייכט דאָס לעבן אויף דער וועלט פאַר זייערע קינדער נאָך זיי, און אַ מעשה דערויף ........ יג


❖ ❖ ❖

# פרק חמשה ועשרים

**די שאַנד פון דעם רייכן מאַן וואָס איז נישט קלוג אָבער ער האַלט זיך גרויס און ער וויל זיך שטאַרקן אויף דעם קלוגן מענטש**

**א. יבכה המשכיל,** ווייגען זאָל דער קלוגער און קלאָגן זאָל דער פאַרשטאַנדיגער, אויף דעם שלעכטן מנהג וואָס איז יעצט אויף דער וועלט, וואָס די חכמה פון תלמידי חכמים איז נישט חשוב ביי מענטשן, און די ליידיגע מענטשן וואָס קענען גאָרנישט, האַלטן זיך פאַר גרויסע חכמים און זייערע רייד ווערן צוגעהערט פון מענטשן.

**ב. והנני,** און אָט וועל איך רעדן קעגן דעם בעל גאוה, און איך וועל אים לאָזן וויסן וועגן זיין שלעכטיגקייט, אפשר וועט ער תשובה טוהן און ער וועט היטן דעם איבערשטנ׳ס וועג און זיך נידעריג האַלטן.

**ג. אתה,** דו, מענטש, לאָז דיך נישט פאַרזיכערן אויף דיין עשירות און אויף דיין הויכן גוף, צו טראַכטן אַז צוליב דאָס פילע פלייש וואָס דו האָסט דאָרט, רוהט אויף דיר דער שכל און פאַרשטאַנד.

**ד. דע,** דו זאָלסט וויסן, אַז נישט אויף פיל פלייש און אַ הויכן גוף הענגט די חכמה, כדי דו זאָלסט זיך גרויסהאַלטן איבער די צדיקים און זיי מאַכן אונטערטעניג און זיי צווינגען צו דיין עצה, ווייל דו זעסט אַז דיינע רייד ווערן געהערט. דו זאָלסט וויסן, אַז דיינע רייד ווערן געהערט נאָר צו אַזעלכע נאַראָנים אַזוי ווי דו, אָבער ווי קומט שטרוי, דאָס זענען די רשעים, צו תבואה, וואָס זענען די צדיקים. פאַר צדיקים זענען אַנטפּלעקט אַלע חכמות און אין זיי איז נישטאָ קיין נאַרישקייט און קרומקייט.

**ה. ועם,** און פונדעסטוועגן זענען די רייד פון די צדיקים פאָרט נישט אָנגענומען ביי דיר, ווייל דו מיינסט אַז דיין הויכער קערפּער און דיין פיל פלייש וועגט איבער די קלוגשאַפט. דו זאָלסט אָבער וויסן באמת, אַז דו האָסט נישט קיין פאַרשטאַנד און דו ביסט גלייך ווי אַ גלעקל וואָס איז אַ ליידיגע כלי, דעמאָלט קלינגט דאָס גלעקל ווייל די כלי איז ליידיג, אַזוי אויך דו ביסט אַ ליידיגע כלי, און צו די דאָזיגע גרויסהאַלטעריי ברענגט דיך נאָר די ליידיגקייט פון דיין פאַרשטאַנד און די נאַרישקייט פון די מענטשן וואָס דו ביסט צווישן זיי און זיי הערן דיך צו צוליב דיין רייכקייט און הויכן קערפּער. ווייל אויב אַ מענטש זאָל טראַכטן וועגן זיין גרויס עשירות און הויכן דיקן קערפּער, איז דאָך דאָס פערד אויף וועלכן דער קעניג רייט, בעסער פונעם מענטש, וויבאַלד זיין קערפּער איז גרעסער און אויף אים געפינט זיך אַ רייכקייט פיל מער פון טייערע שטיינער און כלים, און אַזוי אויך דער קעמל און דער אָקס וואָס האָבן אַסאַך פלייש.

**ו. אם כן,** אויב אַזוי, דאַרפסטו פאַרשטיין אַז אַלעס ווענדעט זיך אין דעם אויבערשטנ׳ס פּאָרכט און שכל, און אַפילו אַ יונגערמאַן וואָס איז קלוג און איז פול מיט יראת שמים, און מיט וויסנשאַפט און פאַרשטאַנד, כאָטש זיין קערפּער איז קליין, מוזטו אויך צוהערן זיינע רייד, און עס וועט דיר גוט זיין.

**ז. כי,** ווייל ער וועט דיך פירן אויף אַ וועג וואָס דיין רייכטום זאָל דיר העלפן אַפילו נאָכן טויט. מיט דעם וואָס ער וועט דיך לערנען צו טוהן מיטן געלט צדקה און גמילות חסדים, אַזוי ווי מונבז המלך האָט געטוהן. מונבז האָט צעטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף צדקה, און ער האָט עס באַהאַלטן אויף דער צייט ווען זיין נשמה וועט זיין אין הימל.

**ח. ואף,** און כאָטש די טבע פון געלט איז צו מאַכן בלינד דעם מענטש וואָס פאַרמאָגט עס, אַז זיינע אויגן זאָלן נישט זען

און דערקענען ווי ווייט ער האָט נישט קיין שכל, ווייל ער זעט דאָך אַז אַלע מענטשן האַלטן אים ערליך און טוען נישט אַנדערש נאָר וואָס ער הייסט. פונדעסטוועגן, דו עושר, דו ביסט דאָך אַ מענטש, פאַרוואָס זאָלסטו נישט זען דעם חילוק וואָס איז דאָ צווישן דיר און דעם תלמיד חכם? דאָס איז דאָך אַזוי ווי ליכט קעגן פינסטערניש.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאַרשטיין, אַז די קלוגשאַפט פון דעם תלמיד חכם איז באַהאַלטן מיט אים אין זיין האַרץ, אָבער דיין רייכטום און דיינע טייערע קליידער זענען נישט באַהאַלטן מיט דיר.

**ט. ואם,** און אַז עס איז יאָ אַזוי, אַז דאָס פאַרמעגן איז נישט באַהעפט אין דיין גוף, פאַרוואָס זאָלסטו זיך גרויס האַלטן מיט אַ זאַך וואָס איז אויסער דיר, און פאַרוואָס זאָלסטו זיך באַרימען מיט אַ זאַך וואָס איז נישט באַהאַלטן מיט דיין גוף.

**ועוד,** און נאָכדערצו, אַז די וואָל פון אַ בהמה, און די זייד וואָס קומט פון ווערימלעך געבן דיר אַ מעלה, וואָס פון דעם קומט אויס, אַז דיין גרויסקייט איז אָנגעוואָנדן אין אַ בהמה און אין אַ ווערימל, ווייל אויב דו ביסט נישט אָנגעטאָן אין זיי וועט מען דיך נישט מכבד זיין.

**מה שאין כן,** ווידער דער קלוגער מענטש, דער תלמיד חכם, איז די רייכקייט פון חכמה מיט אים באַהעפט, און מען האַלט אים ערליך אַפילו אָן אַ ספּעציעלע קלייד, צוליב דעם אוצר פון יראת שמים און חכמה וואָס איז באַהאַלטן אין אים.

**לכן,** דעריבער, פאָלגט מיך, מיינע ברידער, צו געבן גרויס כבוד צו די תלמידי חכמים, און צו הערן זייערע רייד, וואָס זיי געבן לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, ווייל וואָס פאַר אַ הילף קען דער מענטש האָבן פון חנפ׳ענען און מכבד זיין עמעצן וואָס האָט מער געלט פון אים, מכבד צו זיין דעם רייכן מענטש מער פונעם תלמיד

חכם. וויבאַלד דורך דעם חכם קויפט דער מענטש זיין שלימות אויףביידע וועלטן, און דורך דעם עושר פאַרברענגט ער זיין צייט אומזיסט.

**י. ואם,** און אויב דו וועסט זאָגן, אַז דער איינרעדעניש נעמט זיך פון דעם וואָס מען זעט, אַז דער חכם דאַרף אָנקומען צום עושר, און דער עושר דאַרף נישט אָנקומען צום חכם. אויף דעם האָט אַ חכם (דער אבן-עזרא) שוין געענטפערט אַ תשובה, ווייל דער חכם דערקענט די מעלה פונעם עושר, דעריבער זוכט ער עס, אָבער דער עושר האָט קיין שכל נישט צו דערקענען די מעלה פונעם חכם, אַז ער זאָל קומען צום חכם צו וועלן לערנען חכמה, און דאָס איז אַ גוטע תשובה.

**די נאַרישקייט פון דעם מענטש וואָס האָט אַלע זיינע באַדערפעניש, און לאָזט זיך אַרויס אין וועג צו פאַרמערן זיין פאַרמעגן און זיך גרויס האַלטן קעגן זיין חבר.**

**יא. והנה,** דו קענסט זען אַ שטות פון אַ מענטש וואָס ער האָט גענוג אויף זיין באַדערפעניש אינדערהיים, און ער פאָרט איבער ימים און מדבריות צו מאַכן נאָך געלט, כדי ער זאָל זיין גרעסער פון זיין חבר, דאָס איז אַ גרויס נאַרישקייט, ווייל אַז ער דאַרף עס נישט נויטיג, נאָך וואָס טויג אים זיך איינצושטעלן דאָס לעבן אין סכנת נפשות. און אַפילו ווען ער וועט שוין באַקומען מער געלט פון זיין חבר, פונדעסטוועגן מיט זיין ערדיש לעבן און זיין שטאַרבן, איז דאָך גלייך דער אָרימאַן מיטן עושר.

**אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון די פינגער פון זיין האַנט, און פון די נקודות אין דער תורה, זיך נישט גרויסצוהאַלטן אויף זיין חבר.**

**יב. יקח,** אַ מענטש דאַרף זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון די פינגער פון זיינע הענט, וואָס איין פינגער איז לאַנג און דער אַנדערער פינגער איז קורצער, און דאָס איז נאָר ווען די פינגער זענען אויסגעשטרעקט, וואָס ער קען זיי שאָקלען ווי זיי לעבן, דעמאָלט איז

איין פינגער לענגער פון דעם אַנדערן. אָבער אַז ער בייגט זיי איין אין דער האַנט אַריין, זענען זיי ווי געשטאָרבן. דאַן זענען אַלע פינגער גלייך, און מען דערקענט נישט וועלכער פינגער איז לענגער.

**ועשה,** און דער באַשעפער האָט דאָס געמאַכט, כדי עס זאָל שטענדיג זיין פאַר די אויגן פונעם מענטש, וואָס עס גייט זיין נאָך זיין שטאַרבן, אַז דאָרט זענען אַלע גלייך, גרויס און קליין. און ער זאָל געדענקען און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר, אַז ער זאָל נישט וועלן זיין דווקא מער עושר און חשוב'ער פון זיין חבר.

**אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם רשע אַליין ווי אַזוי צו פאַרמיאוס'ן דאָס שלעכטע, ווייל נאָך דעם ווי דער רשע זינדיגט האָט ער חרטה און ער וויל נאָך אַז זיינע קינדער זאָלן זיין צדיקים.**

**יג. גם,** אויך זאָל זיך דער מענטש אָפּלערנען פון דעם רשע אַליין, צו פאַרמיאוס'ן שלעכטס און אויסוועהלן גוטס. ווייל דער רשע, נאָך דעם ווי ער טוט די עבירה, האָט ער חרטה, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, די רשעים זענען פול מיט חרטות, איז דאָך דער רשע אַליין מעיד אַז ער האָט נישט גוט געטוהן, און די עבירה איז אַ מיאוס'ע זאַך, והא ראיה, ער האָט דאָך אַליין חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטוהן, אָבער נישט אַזוי דער מענטש וואָס טוט אַ מצוה, ווען ער ענדיגט עס טאָן, קומט פרייד אין זיין האַרץ, און ער האָפּט צו טוהן אַן אַנדערע מצוה תיכף.

**וגם,** און אויך קענסטו זען, אַז עס איז נישטאָ אַ רשע אויף דער וועלט וואָס ער זאָל נישט וועלן אַז זיין זוהן זאָל זיין אַ צדיק, נאָר ער זינדיגט ווייל ער קען נישט בייקומען זיין יצר הרע, ממילא זאָגט ער דאָך דערמיט עדות אַז די עבירות זענען שלעכט.

**יד. נמצא,** קומט אויס אַז אויף די שלעכטקייט איז דאָ צוויי עדות אַז עס איז שלעכט, דאָס זענען דער צדיק און דער רשע. דער

צדיק זאָגט דאָך אַוודאי אַז עס איז נישט גוט, און דער רשע האָט חרטה נאָך דעם ווי ער טוט די עבירה, און ער וויל אַז זיין זון זאָל זיין אַ צדיק. און יוייל עס איז יאָ אַזוי, דאַרף דער מענטש פאַר'מיאוס'ן שלעכטס און אויסדערוועהלן גוטס, און זיין יצר הרע קען אים נישט איבערערעדן ער זאָל נאָכגיין נאָך דעם שלעכטס, ווייל די מערסטע מענטשן גייען נאָך דעם, איז דאָס קיין טענה נישט, ווייל דער רבים, די רשעים אַליין זאָגן עדות אויף דעם וואָס זיי האָבן נישט גוט געטון.

**אַ מענטש זאָל זען די שאַנד פון דעם רשע'ס מעשים, און די שאַנד פון די מעשים פון די בהמות און פייגל, און ער זאָל טוען דאָס פאַרקערטע.**

**טו. והנה,** און איך בין געקומען צו לערנען אַ גוטן וועג, צו דעם מענטש וואָס האָט נישט ווער עס זאָל אים מדריך זיין אין די גוטע וועגן, און ער אַליין ווייסט נישט וועלכער וועג איז גוט, אַז ער זאָל אין אים גיין, זאָל ער זיך אָפּלערנען פונעם רשע, און פון אַ בהמה און עוף, גוט צו מאַכן זיין וועג.

**תדע,** דו זאָלסט וויסן, אַז אַלע מעשים פון דעם רשע זענען קעגן דעם אויבערשטנ'ס ווילן, ווייל אַז ער ווערט געכאַפּט אין דער נעץ פון זיין יצר הרע, לאָזט ער אים נישט טוהן קיין גוטס. דעריבער זע וואָס ער טוט, און טו דאָס פאַרקערטע, און דאָס איז גוט און רעכטפאַרטיג פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**הוא,** דער רשע שלאָפט ביז פיר שעה אויפ'ן טאָג. דאָס פאַרקערטע איז, אויפצושטיין גאַנץ פרי.

**הוא,** ער דאַוונט נישט און בענטשט נישט נאָכן עסן. דאָס פאַרקערטע איז, יאָ צו דאַווענען און בענטשן נאָכן עסן.

**הוא,** ער שעלט זיין פאָטער און מוטער. דאָס פאַרקערטע איז, זיי ערלעך צו האַלטן.

**הוא,** ער איז אַן אכזר. דאָס פאַרקערטע איז, צו זיין אַ דערבאַרעמדיגער. און אַזוי איז אין אַלע זאַכן.

**ונראה,** און דאָס האָט שלמה המלך געמיינט מיט דעם פסוק "**לך מנגד לאיש כסיל ובל ידעת שפתי דעת**", דערמיט האָט ער געמיינט "ובל ידעת שפתי דעת", אויב דו ווייסט נישט די לעפצן פון וויסנשאַפט, כלומר, דו קענסט נישט לערנען צו וויסן דעם גוטן וועג אין וועלכן צו גיין, וועל איך דיך לערנען וואָס צו טוהן, "לך מנגד לאיש כסיל", טו אַקעגן און דערווידער פונעם רשע. זע וואָס ער טוט, און טו פאַרקערט.

**טז. גם,** אויך זאָל ער זען אַ בהמה און אַן עוף, אַז זי עסט וואָס זי געפינט און פאַרשטייט נישט צווישן גוטס און שלעכטס, און עסט און וואַרפט איר שפייעכץ אין איר עסן אַריין, און עסט ווידער דערפון, און דאָס גלייכן. און ווען ער זעט דאָס אַלעס, זאָל ער קומען צו פאַררעכטן זיינע מעשים, ער זאָל יאָ פאַרשטיין אין זיין עסן צווישן גוטס און שלעכטס, און עסן מיט ריינקייט, און אויסוועהלן צו זיצן אויף אַ ריין אָרט, און זיין באַשיידן, און נישט שלינגען דאָס עסן ווי אַן עוף, און זאָל אַנטלויפן פון יעדע מיאוס'ע זאַך, כדי ער זאָל זיך נישט גלייכן צו אַ בהמה און עוף.

**יז. ונראה,** און דאָס מיינט דער פסוק "**מלפנו מבהמות ארץ**", ער האָט אונז געמאַכט לערנען פון די בהמות, ווייל אַז דער מענטש זעט זייערע מעשים טוט ער פאַרקערט, "**ומעוף השמים יחכמנו**", און פון די פייגל וואָס פליען אונטער דעם הימל האָט ער אונז קלוג געמאַכט, ווייל אַז מיר זעען זייערע וועגן, טוען מיר פאַרקערט.

## אַ וועג פאַר דעם מענטש צו וויסן אויף אַ זאַך וואָס ער טוט אויב עס איז אַ מצוה אָדער נישט

**יח. גם,** נאָך אַ כלל וועל איך געבן. דער מענטש וואָס האָט נישט ווער עס זאָל אים ווייזן דעם גוטן וועג. זאָלסט וויסן, אַז יעדער זאַך וואָס דו טוסט, אַפילו אויב דו האָסט דורכדעם געהאַט אַ שאָדן, גייט אַריין אַ פריילעכקייט אין דיין האַרץ, און אין יעדער צייט וואָס דו דערמאַנסט זיך אין דעם, האָסטו אַלץ פריילעכקייט. זאָלסטו וויסן, אַז די זאַך איז זייער געליבט און איז באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטן, און שטאַרק זיך אין איר.,ווייל די סגולה פון אַ מצוה איז, צו ברענגען שמחה אין האַרץ.

**היפך,** פאַרקערט איז, דער וואָס טוט אַ זאַך, און כאָטש ער האָט דערפון פאַרדינט, קרענקט אים דערנאָך זיין האַרץ, איז דאָס אַ דבר עבירה, וואָס דער ווילן פון דעם אויבערשטן ברוך הוא איז נישט אין איר, און ער זאָל זיך דערווייטערן פון דער זאַך, און מער נישט טאָן.

**יט. ועוד,** און נאָך אַ כלל איז פאַר דעם מענטש וואָס טוט אַ זאַך וואָס געפעלט דעם אויבערשטן ברוך הוא, כאָטש ער האָט עס געטאָן ווען קיינער האָט אים נישט געזען, ווערט אים געגעבן אַ חוט פון חסד, אַ פאָדים פון גענאַד, און ער איז נושא חן ביי דעם אויבערשטן און ביי מענטשן.

## דער סדר פון גן עדן און זיין פירונג

**כ. ואכתוב,** און איך וועל דיר דאָ שרייבן וועגן דעם שכר פון עולם הבא, כדי דו זאָלסט טוהן די מצוה מיט שמחה, און כאָטש מען דאַרף נישט טוהן קיין מצוה וועגן שכר, נאָר אין אָנפאַנג מעג ער טראַכטן פון שכר, ביז ער וועט זיך צוגעוואוינען צו טוהן מצוות, און דאָס וועט אים ברענגען צו טוהן די מצוות פון אויבערשטנ׳ס וועגן, ווען ער זאָל אפילו נישט נעמען קיין שכר דערויף.

**כא. אמר,** ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט, אין גן עדן התחתון זענען דאָ צוויי טויערן פון גוטע שטיינער, וואָס הייסן "כדכוד", און אויף זיי זענען דאָ כתות פון מלאכים, און בשעת דער צדיק קומט צו זיי, קליידן זיי אים אָן קליידער פון די ענני הכבוד, און זיי געבן אויף זיין קאָפּ צוויי קרוינען, און אין זיין האַנט געבן זיי שמעקענדיגע הדסים, און זיי זאָגן, גייט מיט גרויס שמחה אין גן עדן אַריין, און יעדער האָט אַ באַזונדערע חופּה לויט זיין כבוד, און פון דער חופּה ציען זיך טייכן פון אפרסמון, און פון יין המשומר.

**כב. וכל,** און אין יעדע חופּה איז דאָ אַ טיש פון טייערע שטיינער, און מלאכים שטייען ביי יעדן צדיק, און זיי זאָגן צו אים, גיי עס האָניק מיט שמחה, ווייל דו האָסט געלערנט תורה, און טרינק דעם יין המשומר פון די ששת ימי בראשית, ווייל דו האָסט געלערנט תורה, וואָס זי איז געגליכן צו ווייַן, און ביי זיי איז נישטאָ קיין נאַכט, און עס ווערן באַנייט צו די צדיקים דריי משמורות.

**כג. משמרה,** די ערשטע משמורה, דאָרט ווערט ער ווי אַ קינד, און ער פרייט זיך מיט די שמחה פון קינדער.

**משמרה,** די צווייטע משמורה, דאָרט ווערט ער אַ בחור, און ער פרייט זיך מיט די שמחה פון בחורים.

**משמרה,** די דריטע משמורה, דאָרט ווערט ער אַן אַלטער מאַן, און ער גייט אַריין אין דער מחיצה פון אַלטע לייט, און ער פרייט זיך מיט די שמחה פון זקנים.

**כד. ויש,** און אין גן-עדן איז דאָ אין דעם קלענסטן ווינקעלע מיליאָנען ביימער וואו בשמים וואַקסן, און מלאכים וואָס זינגען מיט אַ זיס קול. אינמיטן גן עדן איז דער עץ החיים, און ער באַדעקט דעם גאַנצן גן עדן, און אין אים זענען דאָ פינף הונדערט טויזנט טעמים, און איין טעם צום אַנדערן איז נישט גלייך, און איין ריח צום אַנדערן איז נישט גלייך, און זיבן ענני כבוד זענען איבער אים,

און די ווינטן פון אַלע פיר זייטן ווייען אויף אים, און זיין ריח שמעקט פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, און אונטער אים זיצן תלמידי חכמים וואָס טוען באַשיידן די תורה, און יעדער איינער פון זיי האָט צוויי חופות, איינע פון די שטערן און איינע פון דער זון און די לבנה. און צווישן יעדע חופה איז דאָ אַ מחיצה פון ענני הכבוד, און אינעווייניג איז דער עדן, וואָס דאָרט זענען דאָ דריי הונדערט און צען וועלטן צו יעדן צדיק.

**כה. ובתוכו**, און אינעווייניג אין גן עדן זענען דאָ זיבן הייזער פון צדיקים.

**ראשונה**, אין דעם ערשטן הויז, זיצן די וואָס זענען גע'הרג'עט געוואָרן אויף קידוש השם, דהיינו רבי עקיבא מיט זיינע חברים.

**ב'** אין דעם צווייטן הויז, זיצן די וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים.

**ג'**, אין דעם דריטן הויז, זיצן רבי יוחנן מיט זיינע תלמידים.

**ד'** אין דעם פערטן הויז, זיצן די מענטשן וואָס דער וואָלקן האָט אויף זיי באַדעקט.

**ה'** אין דעם פינפטן הויז, זיצן די בעלי תשובה.

**ו'** אין דעם זעקסטן הויז, זיצן די בחורים וואָס האָבן נישט געטוהן קיין עבירה אין דער צייט ווען זיי האָבן געלעבט.

**ז'** אין דעם זיבעטן הויז, זיצן די אָרעמעלייט וואָס האָבן געלערנט פסוקים און משניות און דרך ארץ, און דער אויבערשטער זיצט צווישן זיי, און באַשיידט זיי די תורה.

**כו. ולא**, און דעם איבעריגן כבוד וואָס איז אָנגעגרייט פאַר זיי, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא נישט מפרסם געווען, אַזוי ווי

עס שטייט אין פסוק, קיין אויג האָט נישט געזען דעם שכר וואָס דער אויבערשטער וועט געבן צו די מענטשן וואָס האָפן צו אים.

**דאָס אייביגע לעבן קען אַ מענטש באַקומען נאָר דורך דעם וואָס ער מאַטערט זיך אויף די וועלט, פונקט אַזוי ווי דער שלאָף וואָס איז אַ טייל פון טויט אָבער ער מאַכט לעבן דעם מענטש, און פונקט אַזוי ווי די זאָמען וואָס ווערן איינגעזייט אין דער ערד.**

**כז. ודע,** און דו זאָלסט וויסן, אַז קיין מענטש קען נישט קומען צו דעם תענוג, סיידן ער מוז זיך באַמיען אין דער תורה און מצוות, ווייל דער מענטש קען נישט באַקומען דאָס אייביגע לעבן, סיידן ער פייניגט זיין גוף איבער די תורה און מצוות.

**די מענטשן וואָס זענען זיך מסגף אויף דער וועלט, מאַכן דערגרייכט דאָס לעבן אויף דער וועלט פאַר זייערע קינדער נאָך זיי, און אַ מעשה דערויף.**

**כח. ודע,** און דו זאָלסט וויסן מיט אַן אמת, אַז נאָר די מענטשן וואָס פייניגן זיך איבער די תורה און מצוות, גרייכט זיי עולם הבא, און זייערע קינדער דערגרייכן דורך זייער זכות דאָס לעבן פון עולם הזה.

**כך,** אַזוי איז די מדה, ווייל אויף עולם הזה גיט מען נישט קיין שכר פאַר די מצוות צו דעם וואָס טוט זיי, נאָר יעדער מענטש ווערט געשפייזט אויף די וועלט אין דעם זכות פון זיינע עלטערן, און דער שכר פאַר זיינע מצוות איז אָפּגעהיט אויף עולם הבא, און ווייל דער מענטש האָט די וועלט דורך זיינע זכות אבות, האָט ער צייט צו לערנען תורה.

**ואם כן,** און אויב עס איז יאָ אַזוי, ווי פיל דאַרף דער מענטש דינען זיין באַשעפער, און ער זאָל נישט זאָרגן וועגן דעם צער וואָס